**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/1/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט צווייטער רונדע פון פעדעראלע פינאנצירונג צו באזארגן 5.7 מיליאן דאלער אין קאָוויד-19 פארלייכטערונג צו ניו יארק׳ס מארין פישכאפן אינדוסטריע**

***מארין פישערייען פארלייכטערונג פראגראם וועט באזארגן דירעקטע באצאלונגען צו העלפן אדרעסירן פאנדעמיע- פארבינדענע ביזנעס פארלוסט***

***45-טאגיגע אפליקאציע צייט אפשניט עפענט זיך דעצעמבער 1׳טן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז נאך 5.7 מיליאן דאלער אין פעדעראלע פינאנצירונג איז פאראן פון [ניו יארק׳ס מארין פישערייען פארלייכטערונג פראגראם](), אוועקגעשטעלט דורך די קאנסאלידעיטעד אויסטיילונג אקט פון 2021, צו באזארגן פינאנציעל פארלייכטערונג פאר ניו יארק׳ס מארין פישעריי אינדוסטריע. בארעכטיגע ים-עסנווארג, קאמערציעלע מארין פישכאפן, מארין אקוואקולטור, און מארין פארוויילונג פאר-אויפנעמען פישכאפן ביזנעסער זענען בארעכטיגט זיך צו ווענדן פאר די פינאנצירונג אנגעהויבן דעצעמבער 1׳טן. די פינאנצירונג איז אין צוגאב צו די 6.7 מיליאן דאלער אין הילף באזארגט דורך די קאראנעווירוס הילף, פארלייכטערונג און עקאנאמישע זיכערהייט (CARES) אקט, פאר א סך הכל פון 12.4 מיליאן דאלער אין הילף פאר ניו יארק׳ס ים-עסנווארג, מארין קאמערציעל, און אויף-אויפנעמען פישכאפן אינדוסטריעס נאך גרעסערע ביזנעס פארלוסטן אין 2020 און 2021 צוליב דער קאָוויד-19 פאנדעמיע.

"די קאָוויד-19 פאנדעמיע טוט ווייטער צושטערן ניו יארק׳ס קאמערציעלע פישכאפן אינדוסטריע וואס פארלאזט זיך אויף לעבהאפטע טוריזם, רעסטוראנטן, און פארוויילונג מעגליכקייטן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פינאנצירונג איז העכסט-נויטיג ארויסצוהעלפן ביזנעסער און בארטן קאמיוניטיס וועלכע האבן שוין פון לאנג אן געשפילט א העכסט-נויטיגע ראלע אין די סטעיט׳ס עקאנאמישע ערפאלג. מיין אדמיניסטראציע בלייבט פארשפראכן צו שטיצן מארין פישכאפעריי און ים-עסנווארג אינדוסטריעס דא אין ניו יארק און וועט ארבעטן אומערמידליך צו פארזיכערן אז פינאנציעלע שטיצע ווערט באזארגט צו אלע בארעכטיגטע קאנדידאטן."

ניו יארק׳ס וואסער רעסאָרסעס זענען קריטיש וויכטיג צו דער סטעיט׳ס עקאנאמיע, און שטיצט באלד 350,000 דזשאבס און שאפט ביליאנען דאלארען דורך טוריזם, פישכאפן, און אנדערע אינדוסטריעס. דער סך הכל 12.4 מיליאן דאלער פון די מארין פישערייען פארלייכטערונג פראגראם אלאקירונג איז באשטימט געווארן דורך נאציאנאלע ים און אטמאספערע אדמיניסטראציע (NOAA) פישערייען באזירט אויף די סך הכל דורכשניטליכע יערליכע איינקונפט פון ניו יארק׳ס פישעריי-פארבינדענע ביזנעסער, וואס טוט נישט אפשפיגלען די אינדוסטריע׳ס סך הכל עקאנאמישע פארלוסטן צוליב קאָוויד-19. DEC האט געארבעט אינאיינעם מיט NOAA פישערייען און די אטלאנטישער סטעיטס מארין פישערייען קאמיסיע ( ASMFC) צו באקומען באוויליגונג פאר סיי ניו יארק פישערייען פארלייכטערונג פראגראם אויסגאבע פלענער וואס שטעלן אוועק דעם פרעימווארק פאר אויסטיילן די געלטער.

**DEC קאמישענער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** "פאר הונדערטער יארן האבן ניו יארק סטעיט׳ס פישכאפן אינדוסטריעס געפארעמט אונזער עקאנאמיע און קולטור. די אינדוסטריעס האבן ערפארן באדייטנדע שוועריגקייטן און ענדערונגען אין לעצטערע צענדליג יארן, זיך צופאסנדיג צו פארשריטן אין טעכנאלאגיע און די דראונג פון קלימאט ענדערונג, און אין דער זעלבער צייט באזארגן ווערדפולע סחורות און סערוויסעס צו ניו יארקער. די קאָוויד-19 פאנדעמיע האט געפאדערט פון אונזער עקאנאמיע אויף אומערווארטעטע וועגן און וועט געשפירט ווערן אויף פילע יארן אין דער צוקונפט, אן די פינאנצירונג היינט אנאנסירט וועט העלפן פארזיכערן אז די סטעיט׳ס פישכאפן אינדוסטריעס האבן די מעגליכקייט פארצוזעצן ווייטער צו בויען זייער לעגאט אריין אין דעם צוקונפט."

**סענאטאר טשאָק שומער האט געזאגט,** "דאס איז א ריזיגע כאפ פאר ניו יארק׳ס פישכאפער. איך בין שטאלץ צו האבן איינגעשאפן די היסטארישע 12.4 מיליאן דאלער אין פעדעראלע פארלייכטערונג פאר ביזנעסער פון די גרעיט לעיקס ביז׳ן לאנג איילענד סאונד. ניו יארק׳ס מארין פישכאפן אינדוסטריע איז נאך אלץ איבערגעקערט פון די ווירקונגען פון קאָוויד-19 פאנדעמיע און די געאייגנטע הילף וועט העלפן איינע פון אונזערע עלטצטע טראדיציאנעלע אינדוסטריעס פארלאזן די רוישיגע וואסערן און ארויספארן אויף א וועג צו ערהוילונג און א ליכטיגערע צוקונפט."

**סענאטארקע קירסטען דזשיליברענד האט געזאגט,** "די פינאנצירונג וועט באזארגן העכסט-נויטיגע פארלייכטערונג פאר ניו יארק׳ס מארין פישערייען. איך שטאלציר מיך צו האבן געארבעט דורכצופירן די CARES אקט און וועל ווייטער באקעמפן צו ליפערן פעדעראלע פינאנצירונג צו ניו יארק ביזנעסער אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער זיך צו ערהוילן פון דער פאנדעמיע."

**קאנגרעסמאן עדריאנא עספיילאט האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער זיך צוריקצובויען פון די פארוויסטערנדע פאנדעמיע, ווידער אוועקשטעלן אונזער מארין פישכאפן אינדוסטריע, ארטיגע טוריזם, און פארוויילונגס פישכאפעריי זענען העכסט-נייטיג אין אונזער עקאנאמישע ערהוילונג. איך לויב גאווערנער האקול אויף די היינטיגע באמיאונגען צו אלאקירן די צוגעגעבענע רונדע פון פעדעראלע פינאנצירונג צו פארזיכערן די נויטיגע פעדעראלע שטיצע-מיטלען זענען גרייט צו העלפן אויפריכטן אונזער ארטיגע אָף-שאָר עקא-סיסטעמס און אין דער זעלבער צייט באקעמפן קלימאט ענדערונג דורך איניציאטיוון ווי ניו יארק׳ס ארטיפישעל ריעף פראגראם און בויען ריינע וואסער אינפראסטרוקטור."

אלע פאטענציעלע אפליקאנטן זענען דערמוטיגט איבערצוקוקן קריטעריע אין די מארין פישערייען פארלייכטערונג אויסגאבע פלאן (PDF) ארויפגעשטעלט אויף DEC׳ס וועבזייטל. אפליקאנטן וואס האבן באקומען פינאנצירונג אין לויף פון דער ערשטער רונדע פון די מארין פישערייען פארלייכטערונג פראגראם זענען בארעכטיגט זיך צו ווענדן פאר די צווייטע רונדע. אפליקאציעס ווערן ארויפגעשטעלט אויף DEC׳ס וועבזייטל און נאטיצן זענען ארויסגעשיקט געווארן צו מארין פערמיט האלטער, סטעיקהאָלדער ראט גרופע, און אנדערע פאטענציעלע בארעכטיגטע פארטייען. **DEC נעמט אן אפליקאציעס פון דעצעמבער 1׳טן ביז יאנואר 14׳טן 2022.**

דייטליכע אנווייזונגען פאר פארענדיגן די אפליקאציע עלעקטראניש קען געפונען ווערן אויף DEC׳ס וועבזייטל. פאר מער אינפארמאציע, פארבינדט אייך מיט fisherydisaster@dec.ny.gov אדער רופט (631) 444-0473.

נאך דער אפליקאציע צייט אפשניט ווערט פארענדיגט וועט DEC צושטעלן א געלעגנהייט פאר יענע אפליקאנטן וועמענס אפליקאציעס זענען צוריקגעוויזן געווארן צו אפעלירן. DEC וועט ארבעט קאאפעראטיוו מיט ASMFC אויסצוטיילן פינאנצירונג צו באווילגטע אפליקאנטן און הילףוועט ארויסגעגעבן ווערן איינמאל אלע באקומענע אפליקאציעס ווערן פראצעסירט. געוויסע אויסטיילונג באקומער זענען מעגליך אונטער א פעדעראלע אודיט.

ניו יארק סטעיט נעמט אונטער א ברייטע ערליי באמיאונגען צו העכערן פארוויילונג פישכאפן, אויפריכטן מארין עקא-סיסטעמס, פארשטערקערן לאנג איילענד׳ס עקאנאמיע, און באקעמפן קלימאט ענדערונג. דאס רעכנט אריין דער פארברייטערונג פון ניו יארק׳ס ארטיפישעל ריעף פראגראם, דער לאנד׳ס גרעסטע אופ׳ן-ים׳יגן ווינט פראגראם, רעקארד אינוועסטירונגען אין די ענווייראנמענטאלע באשיצונג פאָנד און ריינע וואסער אינפראסטרוקטור, א פארבאט אויף אָף-שאָר דרילינגג, דאס דורכפירן פון דער ׳באָנקער ביל׳ צו פארבאטן דאס באניץ פון ׳מענהאדען פורס סיינעס׳, און אנגייענדע פארשריטן אויף דער לאנג איילענד שעלפיש אויפריכטונג איניציאטיוו.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418